STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05068

EYN NAKHT A KENIG

Permanent preservation of this book was made possible
by Herschel Auerbach
in memory of
Ephraim & Chana Auerbach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איין נאכט א קעניג

ווי וואונדערבאר מוז'ם קלינגען א יוד א קעניג אין פוילען און דאך איז עס געשעהען. רבי שאול וואהל איז געוועהלט געווארען צום קעניג פון פוילען און האט זיין מאכט אויסגענוצט אראבצונעמען פון די יודען די דאמולסדיגע גזירה נישט צו וואהנען אין גאנצען לאנד.

יצא לאור ע"י

שמירת שבת פאבלישינג

וויליאמסבורג תשל"ח

א

גזירות אויף יודען.

דער פוילִישער קעניג אִיז געשטאָרבען.

געווען אִיז דאָס אִין דִי אַלטע צייַטען, ווען אִין פוילען האָט נאָך געהערשט דאָס וואַהל־קעניגטהום. נִישט דער זוהן אָדער דער נאָהענסטער קרוֹב פון דעם קעניג האָט איִבערגענומען דִי מלוכה, נאָר דִי מִיטגלִידער פון הויכען אַדעל, דִי שלאַכצִיצען, דִי גראַפען און פִירשטען, פלעגען זִיך צוזאַמענקומען און האָבען יעדעס מאָל געוועהלט אַ קעניג פון זייערע מִיטגלִידער אויף דעם אָרט פון דעם פערשטאָרבענעם מלך.

דִיעזע וואַהלען זענען געווען דִי גרעסטע מאַכט אִין דִי הענד פון דִי שלאַכצִיצען, יעדער וואַהל פלעגט זיי ברענגען געלד און אייַנפלוס. זיי פלעגען זִיך לאָזען זייערע שטִימען אָבקויפען מִיט געלד, מִיט פריוִולעגיעס, אָדער מִיט הויכע שטעלעס אִין דער פוילִישער מלוכה.

און ווערענדִיג אויסנוצען דִי געלעגענהייט פלעגט עס זִיך בייַ יעדער קעניגיוואַהל טהון אויף טִיש און אויף בענק, עס פלעגען פאָרקומען אִינטרִיגעס און קעמפפען, אַרומטרייַסענִיש און בעשטעכונגען. יעדער אייַנצִיגער שלאַכצִיץ פלעגט טראַכטען, צו פערשִיעבען דִי וואַהל ווִי ווייַט מעגלִיך, וואָרִין וואָס לענגער

עם

עס האָט געדויערט, ביז עס איז געוועהלט געוואָרען אַ נייער קעניג, אַלץ בעסער איז געווען פאַר די שלאַכציצען.

און ווידער איז דער קעניג געשטאָרבען און ווידער האָבען זיך אָנגעהויבען דאָס רייסעניש און די אינטריגעס.

די פוילישע פערפאַסונג איז ווי אַבזיכטליך געמאַכט געוואָרען, כדי מעגליך צו מאַכען אַלע דיזע פערצעגערונגען.

זענען זיך די שלאַכציצען צוזאַמענגעקומען און אָבגעשטימט, אָבער קיינער פון די קאַנדידאַטען האָט נישט בעקומען די נויטיגע מערהייט, זענען די וואַהלען אונטערגעבראָכען געוואָרען אויף פולע דריי חדשים.

ערשט נאָך דריי חדשים איז פאָרגעקומען ווידער אַ וואַהלגאַנג און אויב אויך דאָס מאָל האָט קיינער נישט בעקומען דאָס רוב שטימען, האָט די וואַהל געמוזט פערשאָבען ווערען אויף ווייטערע דריי חדשים.

אַזוי האָט זיך די מעשה געקענט אַרומשלעפען אַ גאַנץ יאָהר. ערשט ביים פינפטען וואַהלגאַנג איז דער קאַנדידאַט דערקלערט געוואָרען פאַר געוועהלט, וואָס האָט בעקומען מעהר שטימען פון יעדען אַנדערען, חאָטשי בכלל האָט ער נישט בעקומען די מערהייט פון אַלע שטימען.

האָט אָבער דיזער געוועהלטער קאַנדידאַט ערקלערט, אַז ער נעמט די וואַהל נישט אָן, האָט מען געמוזט וואַרטען ביז דער נייער וואַהל ווידער דריי חדשים און ווידער דריי מאָל דריי חדשים, ביז עס האָט ווידער געקענט געוועהלט ווערען אַ קאַנדידאַט מיט געוועהנליכע מעהר שטימען פון די אַנדערע קאַנדידאַטען

באופן

באופן זה האָט עס זיך אַמאָל געקענט שלעפּען אַ צייט פון עטליכע יאָהר, ביז פוילען האָט ווידער בעקומען אַ קעניג.

און דערווייל האָבען אין לאַנד געהערשט די שלאַכציצען, ווי אַזוי זיי איז געפעלען. יעדער האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר זיין געבּיט געזעצען, ווי אַזוי ער האָט געוואָלט. עס איז געווען „לית דין ולית דיינא". דאָס גאַנצע לעבען איז געווען הפקר...

און ווידער איז דער קעניג געשטאָרבען און ווידער האָט זיך אָנגעהויבען דאָס בעקאַנטע שפּיעל.

ביים ערשטען וואַהלגאַנג זענען געווען נישט וועניגער פון 10 קאַנדידאַטען און נאַטירליך האָט קיינער פון זיי די מערהייט נישט געקענט בעקומען,

ביים צווייטען וואַהלגאַנג זענען נאָך אַלץ פאַרהאַנען געווען 8 קאַנדידאַטען, ביים דריטען 6 און ביים פערטען 4 קאַנדידאַטען, קיינער איז נישט געוועהלט געוואָרען,

ביים פינפטען וואַהלגאַנג האָט די מיינסטע שטימען בעקומען דער אַלטער פערשט דאָבאָלסקי און ער איז דערקלערט געוואָרען פאַר געוועהלט.

אָבער דאָבאָלסקי איז שוין דעמאָלט געווען אַלט איבער 70 יאָהר און האָט ערקלערט, אַז ער קען אויף זיך די לאַסט פון דער הערשאַפט נישט נעמען.

האָט מען געמוזט אָנהויבען די וואַהל פון פאָרענט, דאָס הייסט פאָרנעמען ווידער ווייטערע 4 וואַהלגענגע, ביז עס וועט זיין מעגליך, אַז ביים פינפטען מאָל זאָל געוועהלט ווערען דער קאַנדידאַט, וואָס וועט בעקומען די מיינסטע שטימען.

דאָס, וואָס דאָבאָלסקי איז געוועהלט געוואָרען, איז אויך

נאָר

נאָר געווען אַ שפּעקולאַציע. מען האָט געוואוסט, אַז ער וועט די קרוין נישט אָננעמען און איבער דעם איהם געגעבען די מיינסטע שטימען, כדי עס זאָל מוזען קומען צו אַ נייער וואהל און מען זאָל ווידער האָבען צייט, זיך אַ גאַנץ יאָהר צו שפּילען.

און דערווייל האָט אין גאַנצען לאַנד געהערשט אַ פּשוטע אַנאַרכיע. יעדער האָט געטהון וואָס ער האָט געוואָלט, און אויסגעגאָסען דאָס באַד האָבען די יודען...

עס איז די יודען אין פּוילען נישט שלעכט געגאַנגען. פון צרות און גירושים ווי אין די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, האָבען זיי נישט געוואוסט. די קעניגען פלעגען זיי תמיד גוט בעהאַנדלען. זיי פלעגען זיין די הויפּטליפעראַנטען פון דער רעגירונג, די פּעכטער פון די מלוכה-וועלדער, פון פרעגען געלד און פערזאָרגען דעם קעניגליכען הויף מיט אַלעמען.

אָבער אין דער צייט, ווען עס איז געווען אַ פּויזע צווישען איין קעניג און דעם אַנדערען, פלעגען זיי זיין אויף גרויסע צרות.

יעדער שלאַכציץ האָט געוואָלט האָבען וואָס מעהר געלד, כדי צו קענען אונטערקויפען די אַנדערע און בעקומען שטימען פאַר זיך, אָדער פאַר זיין קאַנדידאַט... און די יודען האָבען געזאָלט דאָס געלד געבען... האָבען זיי נישט געוואָלט מיט גוטען, האָט מען גענומען מיט בייזען... יעדער שלאַכציץ האָט דאָך מיט „זיינע" יודען געמעגט טהון, וואָס ער האָט געוואָלט.

דאַצו פלעגען די שלאַכציצען בשעת אַזאַ וואהל פערברענגען די גאַנצע צייט אין דער הויפּטשטאָדט, פערנאַכלעסיגט זייערע גיטער און וועלדער, זייערע הויפען און דערפער... אָבער געלד האָבען זיי בעדאַרפט מעהר ווי תמיד... און ווידער האָט דער יוד געמוזט שטעהן מיט אַ אָפענער קעשענע און געבען און ווידער געבען...

אויך דאָס מאָל איז געווען פאַר די יודען אַזאַ צרה... די וואַהל פון נייעם קעניג שלעפּט זיך שוין מעהר ווי אַ יאָהר... מען האַלט שוין בּיים אַכטען וואַהלגאַנג. אָבער מען זעהט נישט קיין סוף... די פּאַרטייען האָבען זיך ביז אַהער נישט געקענט איינינגען און אַרבּייטען נאָך אַלץ מיט אַלע כחות, צו פערהעלפען זייער קאַנדידאַט צום זיעג...

און פון די יודען פערלאַנגט מען כסדר געלד און געלד מעהר ווי זיי קענען נאָסטאַרטשען...

ווען זיי ערקלערען, אַז זיי האָבען שוין קיין געלד מעהר און קענען נישט מעהר דינען, הייבּט זיך אָן אַ צייט פון צרות, פון גזירות, פון פערפאָלגונגען...

ווי ווייט די שלאַכציצען שלאָגען זיך אַרום וועגען זייערע קאַנדידאַטען, אין איין בחינה זענען זיי אייניג: די יודען מוזען געבען געלד, און ווען זיי ערקלערען, אַז זיי האָבען שוין אַליין נישט, ענטשליעסט זיך די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, אַרויסצוגעבען אַ גזירה, אַז די יודען וועלען מוזען בּיז אַ יאָהר פערלירען זייער גאַנץ פערמעגען. אַלסדינג, וואָס זיי פערמאָגען וועט איבערגעגעבען ווערען דער מלוכה...

איז די צרה זעהר גרויס. קיין קעניג איז נישטאָ, צו וועמען מען זאָל זיך ווענדען... וואַרטען די יודען מיט דער גרעסטער אונגעדולט, עס זאָל שוין געוועהלט ווערען אַ נייער קעניג, מעג ער זיין, ווער עס וויל. אַבּי אַ קעניג זאָל זיין אין לאַנד, אַ בעל־הבּית, מיט וועלכען מען קען רעדען אַ וואָרט...

אָבער די שלאַכציצען שפּילען זיך... זיי האָבען צייט... אָט איז שוין אויך די אַכטע אָבשטימונג פאָרגעקומען און ווידער איז קיינער נישט געוועהלט געוואָרען.

אין

אין עטליכע וואכען ארום דארף פארקומען די נײַנטע אבשטימונג. אויך זי וועט קיין שום פראקטיש ערגעבענים נישט האבען און די שלאכציצען הײַבען שוין אן צו שפעקולירען, ווען זיי זאלען בײַ דער צעהנטער אבשטימונג פערהעלפען צו דער וואהל און זײַן זיכער אז ער וועט נישט אננעמען...

די שלאכציצען ווילען זיך שפילען, בשעת ווען די יודען וואלטען שוין אזוי גערן געזעהען א סוף...

נאר ווער פרעגט דען די יודען א דעה. זיי מוזען ווארטען, ביז דער שפיעל וועט זיך ענדיגען.

ב

רבי שאול וואהל.

אין יענע טעג האט אין ווארשא, אין דער פוילישער הויפשטאדט, געלעבט א יוד, רבי שאול וואהל.

א געבוירענער איז ער געווען פון איטאליען, וואו ער האט פערברענגט זיין יוגענד. רבי שאול איז געווען א זוהן פון רייכע עלטערן, ער האט געהאט זעהר א'גוטען קאפ און זיין פאטער האט איהם געוואלט לאזען לערנען אויף רב.

אין פוילען זענען דעמאלט געווען פארהאנען די בעריהמטסטע ישיבות, וואס האבען געהאט א גרויסען שם אויף דער גאנצער וועלט. פון אלע לענדער פלעגט מען שיקען די יונגעלייט קיין פוילען, דארט לערנען תורה און יודישע חכמה.

איז אויך אונזער שאול וואהל פון זיין פאטער געשיקט געווארען קיין פוילען אין איינער פון די גרעסטע ישיבות.

ער האט דארט געלערנט עטליכע יאהר.

דערוויל זענען זיינע עלטערן אין דער היים געשטארבען און נאך דאצו זענען אין איטאליען ארויסגעקומען נייע גזירות אויף יודען.

האט שאול נישט געהאט צו וואס אהיים צו פאהרען.

אויך

אויף א קליינעם חשק, צו לעבען אין א לאנד, וואו מען ווערט אלס יוד פערפאלגט.

איהם איז דאס לעבען אין פוילען מיט זיין גרויסער יודישער פרומקייט, מיט זיינע גאונים און צדיקים, שטארק געפעלען געווארען.

אויך דאס רוהיגע פאליטישע לעבען, וואס די יודען האבען פערברענגט, האט געפונען ביי איהם א שטארקען חן.

האט ער בעשלאסען, צו בלייבען אין פוילען. האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון א גרויסען גביר אין ווארשא, וועלכער איז געווען א פעכטער פון דעם געלדפערגוונג און א קרוב למלכות.

איז רבי שאול אריינגעטרעטען ביי זיין שוועהר אין די עסקים און אויפגעגעבען דעם פלאן צו ווערען א רב.

ווען זיין שוועהר איז געשטארבען, האט רבי שאול איבער-גענומען זיינע געשעפטען און איז וואס אמאל רייכער געווארען.

ער פלעגט פערקעהרען מיט די גרעסטע פריצים פון לאנד. די שלאכציצען האבען איהם שטארק געשעצט פאר זיין ערליכקייט און פאר זיין קלוגהייט און ווען נאר עס איז געווען א פערוויקעלטער עסק אין דער מלוכה, פלעגט מען ביי רבי שאול וואהל פרעגען א עצה.

צוליעב זיין בעקאנטשאפט אין קעניגליכען הויף איז רבי שאול געווען א שתדלן פאר יודען. וואו עס האט זיך נאר געטראפען, אז א יוד איז פערפאלגט געווארען פון א שלאכציץ, פלעגט ער זיך ווענדען צו רבי שאול און דיזער פלעגט איהם לאזען שיצען דורך דעם קעניג.

די שלאכציצען האבען עס אפילו נישט גערן געזעהען, וואס

וואס דער יור האט אזא דעה ביי דעם קעניג. אבער וויסענדיג אז זיי אליין בעדארפען אמאל אנקומען צו איהם, האבען זיי געשוויגען.

ווען עס האט זיך אנגעהויבען די וואהל פון נייעם קעניג און די ארומרייסעניש פון די פארטייען וועגען די פערשידענע קאנדידאטען, האט רבי שאול געשפיעלט א וויכטיגע ראלע.

צו איהם פלעגען די שלאכציצען זיך לאזען שיקען פון זייערע פאלאצען אלסדינג, וואס זיי האבען בעדארפט אין דער צייט פון זייער פערברענגען אין ווארשא. ביי איהם פלעגען זיי בעקומען געלד, ווען זיי האבען בעדארפט.

ווען עס איז ארויסגעקומען די נייע גזירה אויף יודען, האט רבי שאול געפרובט, בענוצען זיין בעקאנטשאפט מיט די שררות, כדי די גזירה בטל צו מאכען.

אבער דאס מאל האט זיין השתדלות נישט געהאלפען און ער האט זיך צוריק געצויגען ברוגז און האט מיט די שלאב-ציצען נישט מעהר געוואלט פערקערען, אזוי ווי פריהער.

פאר פיעלע איז דאס געווען זעהר נישט אנגענעם. ווען האבען זיי נאך געקענט אזוי אנפערטרויען אלסדינג, ווי רבי שאול. אבער זיי האבען זיך אלע געפונען אין א צייט פון אויפ-רעגונג, פון אינטריגעס און פון ארומרייסעניש, האבען זיי געהאט פערנומענע קעפ און אפילו נישט געקומען דאצו, זיך מיט רבי שאול אויסצו'טענה'ן.

רבי שאול אבער איז געווען ביי זיך זיכער, אז סוף-סוף וועט מען מוזען אנקומען צו זיין עצה. דעמאלט וועט ער שטעלען די ערשטע בעדינגונג, אז עס זאל פריהער אויפגעהויבען

ווערען

ווערען די גזירה אויף די יודען. דערנאך וועט ער מיט זיך לאזען רעדען.

און זיין חשבון איז געווען א ריכטיגער.

ווען מען האט שוין געהאלטען ביי דער צעהנטער וואהל, דעמאלט, ווען עס האט ווידער געמוזט געוועהלט ווערען דער קאנדידאט, וואס וועט בעקומען מעהר שטימען פון יעדען אנדערען, האבען די שלאכציצען אנגעהויבען שפעקולירען, נאך אמאל צו בעווייזען די פריהערדיגע קונץ: אזא קאנדידאט, וואס וועט נישט וועלען אננעמען די קרוין — און דעמאלט וועלען זיי זיך ווידער קענען ארומשפילען א גאנץ יאהר...

און זיי האבען אנגעהויבען צו קומען צו רבי שאול.

זיי האבען געוואוסט, אז קיינער קען נישט אזוי גוט ווי ער די פערהעלטעניסען פון די איינצעלנע גראפען און פירשטען, קיינער ווייסט נישט אזוי ווי ער, ווער עס וויל באמת ווערען קעניג און ווער עס פיהלט זיך נישט בכח דאצו.

נאר רבי שאול וועט זיי קענען א עצה געבען, צו וועהלען אזא קאנדידאט, וואס ער וועט תיכף אבדאנקען און זיי וועלען נאך א יאהר קענען שפילען די ראלע פון א קעניגוועהלער און דערביי מאכען גוטע עסקים און געניסען פערגעניגען אויף די קאסטען פון דער מלוכה.

רבי שאול האט זיך אבער צוערשט נישט געוואלט מאכען וויסענדיג. ער האט ערקלערט, אז ווי לאנג די גזירה געגען די יודען וועט נישט אויפגעהויבען ווערען, וועט ער קיין עצות נישט געבען.

די מיטגלידער פון דער פראוויזארישער רעגירונג האבען אבער קיין חשק נישט געהאט אויפצוהייבען די גזירה. אלע שלאכציצען זענען אויך געווען פעראינטערעסירט, צו בעקומען געלד

געלד פון די יורען — וואָרין אָן געלד, וואָס טויג זיי דאָס גאַנצע שפּיעל... האָט מען איהם פּערטרייסט מיט הינט־מאָרגען און געדרענגט, צו הערען זיין עצה.

רבי שאול האָט זיך אָבער נישט געוואָלט לאָזען אָבנאַרען. האָט ער זיך געשטעלט, גלייך ווי ער זאָל גאָר קיין עצה נישט וויסען. ער האָט אויסגערעכענט פּערשידענע נעמען פון קאַנדידאַ־טען, וואָס וואָלטען בודאי נישט אָנגענומען די קרוין — אָבער ער האָט אַליין געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז נישט זיכער און מען קען נאָך מיאוס אַריינפאַלען.

און איינמאָל, ווען איינער פון זיינע בעסטע פריינד האָט איהם שטאַרק דערקוטשעט און געבעטען, ער זאָל פאָרט געבען אַ עצה, וואָרין די צייט איז שוין קורץ און עס קען זיין באַלד צו שפּעט, האָט זיך רבי שאול ערלויבט אַ וויץ:

— איך האָב נאָר איין עצה! — האָט ער געזאָגט — אויב איהר ווילט זיין זיכער, אַז דער קאַנדידאַט וועט תיכף אָבדאַנקען און איהר וועט געוואונען ווידער אַ יאָהר צייט, קענט איהר נאָר וועהלען... אַ יוד... זעהט איהר, אַ יוד וועט עס בודאי נישט וואַגען, אָנצונעמען די קרוין פון פּוילען און איהר וועט אייך קענען ווייטער שפּילען...

רבי שאול האָט זיך געמאַכט אַ וויץ און אויך דער שלאַכציץ, וואָס האָט מיט איהם גערעדט, האָט עס בעטראַכט פאַר אַ שערץ. ער האָט זיך צעלאַכט...

— חאַ, חאַ, חאַ! דאָס איז טאַקי אַ גוטע עצה... אוי וואָלטען זיך מיינע פריינד געהאַלטען ביי די זייטען, ווען זיי זאָלען הערען דיין עצה... אַ יוד קעניג פון פּוילען... חאַ, חאַ, חאַ!

רבי שאול האָט גאָר נישט גערעכענט, אַז פון זיין עצה וועט אַרויסקומען אַ גאַנצע פערוויקלטע געשיכטע.

און

ג

דער בעשלום פון די שלאכציצען.

און די צייט פון דער לעצטען וואהל איז אנגעקומען.

דעם אנדערען טאג האט בעדארפט פארקומען די לעצטע אבשטימונג און דער קאנדידאט, וואס וועט דערביי בעקומען מעהר שטימען פון יעדען אנדערען, וועט זיין געוועהלט צום קעניג.

די שלאכציצען זענען די גאנצע נאכט צופאר געזעסען און אבגעהאלטען בעראטונגען, וואס עס איז צו טהון. די אנהענגער פון יעדען קאנדידאט האבען נאך אמאל איבערגע־שמועסט די גאנצע מעשה און בערעכענט, אויף וויפיעל שטימען זיי קענען רעכענען. יעדער פארטיי האט צומינדעסט געוואלט, אז אויב עס מוז שוין מארגען געוועהלט ווערען א קעניג, זאל ער וועניגסטענס זיין איהר קאנדידאט.

אבער בכלל האבען זיך אלע פארטייען געווינטשען, אז דער געוועהלטער זאל נישט אננעמען און זיי זאלען ווייטער קענען פיהרען זייער שפיעל.

און די נאכט איז פאריבער, אבער צו קיין שום בעשלום איז מען נישט געקומען. וועלכען קאנדידאט מען האט אנגערופען, אלע זענען געווען גרייט, אנצונעמען די קרוין און ווי אזוי עס

האט

האט אויסגעזעהען, וואלט מארגען געמוזט געוואלט ווער דער נייער קעניג פון פוילען.

ווען עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען און די פער־ זאמעלטע פון איין פארטיי האבען זיך שוין געוואלט האטש אביסעל צולעגען שלאפען פאר דער וואהל, רופט דער פארזי־ צענדער פלוצים:

— פאנאוויע! מיינע הערן! עפים בעמערק איך היינט א מערקווירדיגע זאך. אונזער פריינד וואלקאווסקי, וואס רעדט תמיד מעהר פון אונז אלע, האט די היינטיגע נאכט אפילו דאס מויל נישט אויפגעמאכט... הע, וואלקאווסקי, וואס איז מיט דיר? האסטו אפשר א שווערע דאגה? דערצעהל, דו ווייסט דאך, אז מיר ווילען דיך נישט לאזען פאלען...

אבער וואלקאווסקי האט געענטפערט, אז ער האט גאר קיין דאגה.

— אפשר האסטו צופיעל געטרונקען? — האט דער פאר־ זיצענדער געפרעגט.

— ניין! — האט וואלקאווסקי געענטפערט קורץ און שארף.

— אבער וואס איז פארט מיט דיר? עפים דריקט דיך אויף דעם הארץ... דערצעהל! מיר מעגען עס דאך וויסען... ביסט אפשר גאר פערליעבט... דערצעהל, ווער איז דאס?

וואלקאווסקי האט אבער כסדר געענטפערט, אז ניין. נאר מען האט דערקענט, אז ער וויל עפים זאגען, נאר האט מורא.

— אהא! — האט איינער פון די פערזאמעלטע אנגעהויבען צו לאכען — אפשר ווילסטו גאר מארגען זיין אונזער קאנדידאט?..

וואלקאווסקי איז ביי די ווערטער רויט געווארען.
געטראפען

— לאַכען אַנגעהויבען אַלע האָבען ? אַיאַ ? געטראָפען —
אַלזאָ אַרויס מיט די רייד... אפשר וועלען מיר דיר געבען אונזערע
שטימען...

איצט הערשט האָט וואָלקאָווסקי אָנגעהויבען צו רעדען
און דערצעהלען, וואָס רבי שאול וואַהל האָט זאיהם געזאָגט.

— עס איז קיין אַנדערע עצה נישט פאַרהאַנען. מיר מוזען
וועהלען אַ יוד. וועט ער בודאי רעגירען, וועלען מיר געוואונען
צייט אַ גאַנץ יאָהר...

איהר ווייסט, אַז קיינער פון די קאַנדידאַטען, וואָס מיר
קענען זיי, טויגען נישט... צו וואָס זאָלען מיר וועהלען אַ קאַליקע,
פאַר אַ קעניג ? לאָמיר ליבער וואַרטען נאָר אַ יאָהר. אפשר וועט
זיך געפונען אַ בעסערער קאַנדידאַט.

— וועהלען אַ יוד פאַר אַ קעניג פון פוילען ? — האָבען זיך
אַלע צעלאַכט — אַ שעהנע מעשה...

אָבער וואָס מעהר זיי האָבען וועגען דעם ענין נאָכגעקלערט,
אַלץ בעסער איז זיי דער געדאַנק געפעלען.

— וואָס וועט עס שאַדען ? וועט מען זאָגען, אַז מיר
האָבען זיך אַ ביסעל לוסטיגט געמאַכט איבער די זשידעס...

און בני וביה איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די פערזאַ־
מעלטע זאָלען דעם אַנדערען טאָג אָבגעבען זייערע שטימען
אויף אַ יוד...

זייער צאָהל איז נישט געווען גרויס, צו בעקומען די
מעהרהייט פון אַלע שטימען. אָבער ווען זיי וועלען אַלע שטימען
גלייך, וועט זייער קאַנדידאַט בעקומען מעהר שטימען פון אַלע
אַנדערע קאַנדידאַטען און ער וועט געוועהלט ווערען.

איצט אָבער האָט זיך אָנגעהויבען אַ שמועס, ווער עס
זאָל זיין דער קאַנדידאַט ?

עס

עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען פערשידענע נעמען. איינער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון וואַרשאָווער רב.

— ניין, ניין! — האָבען די אַנדערע געשריגען — עס פּאַסט נישט, פון אַ ראַבין חוזק צו מאַכען...

אַ אַנדערער האָט זיך אָנגערופען זיינם אַ דאָרפסט יוד, אַ פּראָסטער מענטש, וואָס קען זיך קוים אונטערשרייבען.

אָבער אויך דאָס האָט דעם עולם נישט געפּאַסט.

— אויב מיר וועהלען שוין אַ יוד, זאָל עס וועניגסטענס זיין אַ פיינער מאַן, וואָס די יודען אַליין וואָלטען זיך נישט געשעמט מיט איהם.

— אויב אַזוי, איז פערהאַנען נאָר איין קאַנדידאַט — האָט וואָלקאָווסקי געזאָגט — און זעהט איהר, דאָס איז טאַקע געווען די מעשה, וואָס איך בין געווען אַזוי פאַרקלערט...

— אַדרבה, לאָז הערען!

— קיין אַנדערער, ווי דער יוד וואַהל...

— וואַהל, וואַהל, — האָבען אַלע גערופען — ווייסטו, דו האָסט אפשר רעכט. טאַקי אַ פיינער מאַן. אַפילו אַ יוד, אָבער אַ ערליכער מענטש... אַ יודישער שלאַכציץ... יאָ, יאָ, מיר ווילען וועהלען דעם יוד וואַהל!

נאָך האָבען זיי געקלערט, צי וועט ער אפשר נישט ווילען אָבזאַגען. אַ יוד? ווער ווייסט, וואָס עס קען איהם איינפאַלען?

אָבער זיי זענען געקומען צו דעם בעשלוס, אַז עס איז נישטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבען. גראָד אַזאַ קלוגער יוד ווי וואַהל וועט פערשטעהן, אַז ער קען נישט בלייבען קעניג און ער וועט בודאי תיכף מודיע זיין, אַז ער נעמט די וואַהל נישט אָן.

און אַזוי איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דעם אַנדערען טאָג זאָל רבי שאול וואַהל געוועהלט ווערען צום קעניג פון פוילען.

ער

ער אַליין, רבי שאול, איז גראָד געזעסען אין זיין חדר און אָבגערעכט חצות. מיט ביטערע טרערען האָט ער געוויינט אויף דעם יודישען גלות, אויף די אַלטע און נייע צרות. עס האָט איהם וועה געטהון דאָס הארץ, וואָס ער קען איצט די יודען נישט העלפען און וואָס, ווי ער זעהט, אַז עס וועט אויך אין דיזען טאָג קיין נייער קעניג נישט געוועהלט ווערען און ער וועט נישט האָבען, ביי וועמען זיך משתדל צו זיין.

ד.

די וואהל פון קעניג.

ווען עס האָט זיך דעם אַנדערען טאָג די וואהל אָנגעהויבען, האָט דער פּרעזידענט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג נאָך אַמאָל פאָרגעלעזען די בעשטימונגען פון דער פערפאַסונג און האָט מודיע געוועזען, אַז ביי דער היינטיגער וואהל וועט דער קאַנדידאַט דערקלערט ווערען פאַר געוועהלט צום קעניג, וואָס וועט בעקומען מעהר שטימען פון יעדען אַנדערען, נישט קוקענדיג דאַרויף אַז ער וועט נישט האָבען בעקומען דעם רוב פון אַלע שטימען.

דער נאָך האָט ער פאָרגעלעזען די נעמען פון די קאַנדידאַטען, וואָס זענען ביז אַהער געווען אָנגעמעלדעט.

– און איצט וועלען מיר פערנעמען די וואהל. איך בעהט צו גאָט, ער זאָל אונז פיהרען אין רעכטען וועג און אַז דער קעניג, וועלכען מיר וועלען היינט וועהלען, זאָל ברענגען פיעל גליק אונזער ליבען פאָטערלאַנד.

אמן

— אָמן! — האָבען אַלע געררופען און דער פּרעזידענט האָט בעשטימט צוויי שריפטפיהרער, צו פיהרען דעם פּראָטאָקאָל פון דער וואהל.

אין דער מינוט מעלדעט זיך גראף וואָלקאָווסקי צום וואָרט.

— איך מעלדע אָן אַ נייעם קאַנדידאַט...

— ווער, ווער? — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען — ווער איז דאָס?

עס איז געווען אַ גרויסער חידוש. אָנמעלדען אַ נייעם קאַנדידאַט אין דער לעצטער מינוט, דאָס פלעגט נאָר דעמאָלט פּאָרקומען, ווען אַלע פּאַרטייען האָבען זיך סוף־סוף גלאַט געאייניגט אויף איין קאַנדידאַט, אויף וועלכען מען האָט בּיז אהער נאָך נישט געהאַט געשטימט.

— דער קאַנדידאַט איז דער יוד שאול וואהל, אַ אַנשטענ־דיגער, ערליכער מאַן? — האָט וואָלקאָווסקי געענטפערט.

צווישען די פערזאַמעלטע איז געוואָרען אַ געוואַלטיגער רעש. וואָס, גאָר אַ יוד?

אַמשטאַרקסטען האָבען זיך אָנגעהויבען צו קאָכען די בּישעפע און ערצבּישעפען, וואָס האָבען אַ טיילגענומען בּיי דער וואהל.

— וואָס, אַ יוד זאָל ווערען קעניג פון פּוילען? — האָבען זיי געשריגען — דאָס קען דאָך גאָר נישט זיין!

אָבער דער פּרעזידענט האָט נאָך אַמאָל גלאָזט פּאָרלעזען די בעשטימונגען פון דער פערפאַסונג.

— אין דער פערפאַסונג שטעהט קיין וואָרט געשריבען, אַז אַ יוד קען נישט ווערען קעניג! — האָט וואָלקאָווסקי געררופען מיט טריאומפף — מיר מעגען שאול וואהל וועהלען!

די בישעפען האבען זיך נאך אלץ נישט געקענט בערוהיגען.

— א יוד קעניג פון פוילען? דאס קען נישט זיין און טאר נישט זיין! די פערפאסונג שרייבט גאר נישט דעריבער, ווייל עס איז דאך א פערשטענדליכע זאך, אז נאר א קאטאליק קען זיין קעניג פון פוילען!

אבער די שלאכציצען האבען דערווייל אנגעהויבען צו פערשטעהען, וועגען וואס דא גערט. מען וועט וועהלען דעם יוד, וועט ער רעזיגנירען, וועט מען זיך קענען שפּילען נאך א יאהר...

אויך דעם פרעזידענט פון דער פראוויזארישער רעגירונג האט די מעשה אנגעהויבען שמעקען. ער וועט דאך ווייטער בלייבען אויף זיין שטעלע.

און בשעת די בישעפען און ערצבישעפען האבען זיך נאך אלץ געאמפערט און געקאכט, האט דער פרעזידענט גערופען מיט זיין גאנצען כח: סילענציום! שטיל זאל זיין! מיר וועלען אבשטימען!

מען האט אבגעגעבען די שטימצעטעל. אין דער לעצטער מינוט האבען אלע שלאכציצען דערקענט, אז דאס איז א גלייכע זאך און געשטימט אויף שאול וואהל.

בלויז די בישעפען און ערצבישעפען האבען דערקלערט, אז זיי ווילען נישט שטימען.

מען האט צוזאמענגעלעגט די שטימצעטעל און איבער־געלייענט.

שאול וואהל איז איינשטימיג געוועהלט געווארען צום קעניג פון פוילען.

— עס לעבע דער קעניג! — האט דער פארזיצענדער גערופען

גערופען און די שלאכציצען האבען ארויסגעצויגען די זעבלען און גערופען: ער זאל לעבען!

דער פרעזידענט האט בערוהיגט דעם עולם און געהייסען פערשרייבען דעם פראטאקאל. דער נאך האט מען איבערגעלעזען און אלע אנוועזענדע האבען עס אונטערגעשריבען.

— איצט בלייבט נאך איבריג, צו פערשטענדיגען דעם קעניג פון זיין וואהל און איהם צו ברענגען אהער — זאגט דער פרעזידענט ווייטער — איך בעאנטראג, אז מיר אלע זאלען איהם בעגריסען מיט גרויס פאראד.

— יא, יא! — האבען אלע מסכים געווען — דער שפאס איז זיי געפעלען. זיי וועלען זעהען, מיט וואס פאר אויגען דער נייער קעניג וועט אויפנעמען די בשורה.

און איידער וואס, איידער ווען האבען זיי צוזאמענגעשטעלט א פאראדע מיט פאהנען און מיט מוזיק און זיך געלאזט צו דעם יודישען פערטעל, מודיע זיין שאול וואהל, אז ער איז געוועהלט צום קעניג.

עס איז ביי זיי קיין ספק נישט געווען אז רבי שאול וועט תיכף ערקלערען, אז ער נעמט די קרוין נישט אן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רבי שאול וואהל האט געוואהנט אין יודישען פערטעל. אין פוילען איז אפילו קיינמאל קיין גהעטא, וואו די יודען האבען געמוזט וואהנען אפגעשלאסען פון דער איבריגער בעפעלקערונג, נישט איינגעפיהרט געווארען. דאך האבען זיי זיך אליין תמיד אויסגעקליבען א טייל פון די שטעדט פאר זיך, כדי זיי זאלען קענען לעבען לויט זייערע מנהגים און קיינער זאל זיי נישט שטערען.

ווען

ווען דער גרויסער צוג איז אָנגעקומען אין די יודישע גאַסען, איז דאָרט געוואָרען אַ אויפרעגונג. מען האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס האָט צו בעטייטען און בעקומען מורא, צי וועט דאַפון נישט אַרויסקומען אַ נייע צרה.

נאָך גרעסער איז געוועזען די איבעראַשונג, ווען די פיהרער פון דעם פּאַראַדע צוג האָבען זיך אָנגעהויבען פרעגען צו רבי שאול וואַהל.

מען האָט זיי געוויזען דעם וועג און עטליכע יודען זענען געלאָפען רבי שאול מודיע זיין, אַז מען זוכט איהם מיט גרויס כבוד.

רבי שאול איז גראָד געזעסען און געלערענט זיין טעגליכע שיעור גמרא. דערהערענדיג די ידיעה, איז ער אַרויס, אַזוי ווי ער איז געזעסען, אין זיין סאַמעטענער יאַרמולקע, אויף דעם באַלקאָן פון זיין הויז.

פון דערווייטענס האָט ער געהערט רופען: עס לעבע אונזער קעניג! און האָט זיך גע'חידוש'ט, וואָס דער צוג קומט אין די יודישע גאַסען. ער האָט געוואוסט, אַז היינטיגען טאָג האָט בעדאַרפט געוועהלט ווערען דער קעניג. אָבער וואָס געהט דאָס אָן די יודען... זיי ערוואַרטען אַפילו די וואַהל מיט גרויס אונגעדולד, אָבער ווי קומט עס, אַז גאָר פלוצים ברענגט מען זיי די בשורה ביז אין שטיב אַריין.

רבי שאול האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט פיעל צו קלערען, וואָרין באַלד האָט זיך דער צוג בעוויזען פאַר זיין הויז און ער איז בעגריסט געוואָרען מיט דעם כבוד פון אַ מלך...

-- אונזער קעניג, שאול דער ערשטער זאָל לעבען! -- האָבען געשריען די שלאַכציצען און געפאָכטען מיט זייערע שווערדען

שווערדען, די פאהנען האבען זיך פאר דעם נייעם קעניג פערנייגט און די מוזיק האט געשפּיעלט די נאציאנאלע הימנע.

און דער פּרעזידענט פון דער פּראוויזארישער רעגירונג איז פארגעטרעטען, האט זיך דריי מאל טיעף געביקט פאר רבי שאול וואהל און געזאגט:

— אין נאמען פון פּויליש׳ען אדעל און פון פּויליש׳ען פאלק בין איך דיר, שאול וואהל, מודיע, אז דו ביזט היינט איינשטימיג געוועהלט געווארען צום קעניג פון פּוילען! איך פרעג דיך, צי ביזטו גרייט, די קרוין אנצונעמען?

רבי שאול בלייבט שטעהען איבערראשט. אין דער ערשטער מינוט קען ער נישט פערשטעהען, וואס עס איז געשעהען. אבער באלד דערמאנט ער זיך זיינע ווערטער צום גראף וואלקאווסקי און דערקענט, אז טאקי ער אליין האט זיך אבגעטהון א שפּיצעל. די שלאכציצען האבען געפאלגט זיין עצה און טאקי איהם אליין געוועהלט צום קעניג, וויסענדיג, אז ער וועט נישט אננעמען און זיי וועלען געווינען ווידער א יאהר צייט זיך צו שפּיעלען...

עס פערדריסט איהם שטארק, וואס די שלאכציצען האבען גראד איהם אויסגעקליבען, כדי פון איהם חוזק צו מאכען.

און ער דערמאנט זיך אין דער גזירה אויף יודען און דערקענט, אז אויב ער וועט די קרוין נישט אננעמען, וועט פּוילען ווייטער בלייבען א יאהר אן א קעניג און די יודען וועלען בלייבען אין א צרה...

איז גלייכער ער זאל די וואהל אננעמען.

וואס וועט זיין? די פערפאסונג שרייבט נישט פאר, אז א יוד טאר נישט געוועהלט ווערען פאר א קעניג... מעג ער

דערוויַיל אָננעמען... שפּעטער וועט ער זעהען וואָס ער האָט צו טהון.

און צו דער גרעסטער איבערראַשונג פון די פּערזאַמעלטע שלאַכציצען ערקלערט רבי שאול וואהל:

— איך דאַנק אייַך, פערטרעטער פון דעם פּוילישען אדעל און פּוילישען פאָלק, פאַר דעם גרויסען כּבוד, וואָס איהר האָט מיר בעוויזען, מיך צו וועהלען צום קעניג פון פּוילען. איך וויים דעם גרויסען כּבוד צו שעצען און עס וועט זיין מיין היילינע אויפגאַבע, צוווידמען מיינע גאַנצע כּחות פאַר דער טובה פון דעם לאַנד און פון דער מלוכה און מיך צו וויַיזען ווירדיג פאַר דער הויכער און ערהאַבענער שטעלע, צו וועלכער איהר האָט מיך בעשטימט. גאָט דער אַלמעכטיגער זאָל בענטשען פּוילען און עס בעשענקען מיט גליק אויף אייביג. אָמן!

די פערזאַמעלטע שלאַכציצען בלייַבען שטעהען ווי גע־לעהמט. עפּים פערשטעהען זיי נישט, צי האָבען זיי ריכטיג געהערט. וואָס, דער זשיד וויל טאַקי ווערען קעניג?

אָבער עס איז אַ פערפאַלענע זאַך. זיי האָבען איהם געוועהלט און ער האָט די ברירה צו טהון וואָס ער וויל.

ענטפערן זיי איהם מיט אַ שווער האַרץ „אָמן" און וואַרטען, וואָס עס וועט וויַיטער זיין.

זיי וואַרטען נישט לאַנג. רבי שאול וואהל איז נישט קיין בטלן. ער קען די געזעצע פון לאַנד און די מנהגים ביי אַ קרענונג פון קעניג.

— איצט וועל איך געהען מיט אייַך, איבערנעמען די מלוכה! — זאָגט ער צו די שלאַכציצען.

— איבערנעמען די מלוכה? — פרעגען זיי ערשטוינט — צוערשט מוזט דו דיך לאָזען קרוינען אין דער קירכע...

זיי

זיי רעכענען, אז רבי שאול וועט בודאי נישט וועלען מיטמאכען די צערעמאָניע אין דער קירכע און וועט מוזען אבדאנקען.

אָבער רבי שאול ענטפערט:

— ניין! לויט דער פערפאסונג בין איך דער קעניג תיכף נאָך דער וואהל און די קרוינונג איז גאר נישט מעכב... איך קען תיכף איבערנעמען די רעגירונג און מארגען וועט פארקומען די קרוינונג.

בלייבט זיי קיין אנדערע ברירה ווי מסכים צו זיין.

זיי ווארטען אביסעל און עטליכע מינוט שפעטער קומט ארוים רבי שאול אנגעטהון אין זיין זיידענעם חאלאט מיט דעם סויבעלקאלפאק אויף דעם קאפ, ארומגעגארטעלט מיט א ברייטען זיידענעם גארטעל און אין דער האנד האלט ער א שטעקען מיט א גרויסער זילבערנער גאלקע.

דער נייער קעניג זעהט אוים ווי א רב. ער האט א הדרת פנים און די שלאכציצען מוזען מודה זיין, אז עס פאסט איהם, צו טראגען א קרוין אויף דעם קאפ.

עטליכע פון די הויף־בעאמטע בייגען זיך און נעמען דעם נייעם קעניג אויף די פלייצעם און אזוי ארום טראגען זיי איהם אין קעניגליכען הויף אריין, וואו עס ערווארטען איהם די מיט־גלידער פון דער רעגירונג.

ווען

ה.

די גזירה ווערט בטל.

ווען דער נייער קעניג קומט אריין אין קעניגליכען פאלאץ, ווייסט מען שוין אין גאנץ ווארשא, אז ער האט אנגענומען די קרוין.

מען איז אין א גרויסער פערלעגענהייט און מען ווייסט נישט, וואס מען טהוט מיט אזא מעשה. בעזונדער אופגערעגט זענען די בישעפען, וואס שרייען, אז אזא חרפה איז נאך נישט גע־שעהען, זייט די וועלט שטעהט, אז א יוד זאל גאר זיין קעניג פון פוילען.

אבער זיי טרייסטען זיך. מארגען מוז די קרוינונג פארקומען אין דער גרויסער קירכע. דער פרומער רבי שאול וועט בודאי נישט וועלען מיטמאכען דיזע צערמאניע, וואו ער וועט מוזען אנידערקניען און קושען דעם צלם ביים שווערען די שבועה...

דער

דער נײַער קעניג איז אַרײַנגעפֿיהרט געוואָרען אין טראַנ־זאַל וואו ער האָט זיך, נישט וואַרטענדיג אויף כבוד, אַנידער־געזעצט אויף דער קעניגליכער שטוהל און פערלאַנגט, מען זאָל איהם אָנטהון די קרוין.

מען האָט געבּרענגט די קרוין און דער ערצבּישאָף פון ווארשא איז צוגעגאַנגען צום קעניג און איהם געבּעטען, אַנידער צו קניען, כדי ער זאָל איהם די קרוין אָנטהון.

— איך קניע נאָר פאַר גאָט אַנידער — האָט רבי שאול געענטפערט — טהו מיר אָן די קרוין בשעת איך שטעה...

— דאָס טאָר איך נישט — ענטפערט דער בּישאָף — אַזוי איז דער מנהג פון תמיד.

— דער קעניג איז שטאַרקער פון יעדען מנהג! — ענטפערט רבי שאול שאַרף — פון היינט אָן וועלען אין פוילען זײַן אַנדערע מנהגים!...

דער ערצבּישאָף מוז פאָלגען און דעם קעניג אַרויפגעבּען די קרוין אויף דעם קאָפּ...

אָבער ער קען זיך נישט אײַנהאַלטען, צו בּעמערקען, אַז מאָרגען, אין דער קירכע, וועט דער קעניג שוין מוזען מיטמאַכען אַלע צערמאָניעס.

— מאָרגען וועלען מיר זעהען, לעת־עתה האַלטען מיר בּײַם היינט — ענטפערט דער קעניג ווידער שאַרף. דער ערצ־בּישאָף דערשרעקט זיך פאַר זײַן קול און בּעקרײַציגט זיך.

— דאָס וועט זײַן אַ שטרענגער קעניג! — מורמעלט ער

צו

צו די בישעפען וואָס שטעהען נעבען איהם – מיט איהם וועלען מיר נישט קענען אַזוי אָרומטאַנצען, ווי מיט די קריסטליכע קעניגען...

רבי שאול הערט אַפילו דיזע ווערטער, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסענדיג און רופט צו די פערזאַמעלטע:

– אין דער מינוט, וואָס איך האָב אָנגעטהון די הייליגע קרוין פון פּוילען אויף מיין קאָפּ, בין איך מיט מיין גאַנצען לעבען און מיט מיין גאַנצער נשמה אייער קעניג און איך וויל מיין גאַנצען כח איבערגעבען דער טובה פון דער פּוילישער מלוכה.

– לאַנג איז שוין דאָס לאַנד אָהן אַ קעניג. אין דיזער צייט זענען געשאַפען געוואָרען פערשידענע געזעצען, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו די בעדערפעניסען פון דער צייט. עס וועט זיין מיין ערשטע אַרבייט, צו פּרובען, צי דאַרפען דיזע געזעצען דערהאַלטען ווערען. וועלכע עס ברויכען בלייבען, די וועל איך נאָך היינט בעשטעטיגען. די אָבער, וואָס זענען נישט נוצליך, וועל איך מיט דעם כח פון מיין קעניגליכען רעכט מבטל זיין.

איך בעהט מיין ערשטען מיניסטער, מיר פאָרצולייגען אַלע דיזע נייע געזעצען און איך וויל נאָך היינט אָנהייבען מיין אַרבייט לטובה פון דער מדינה.

אייך, פערטרעטער פון דעם אַדעל און פאָלק, בעט איך, מיך איצט צו לאָזען אַליין... איך וויל בעטען צו גאָט, מיר צו געבען קראַפט, צו ערפילען מיינע פערפליכטונגען אַלס קעניג. מאָרגען ביי דער פייערליכער קרוינונג ערוואַרט איך אייך אַלע

זיי

זיי האָבען דעם קעניג איבערגעלאָזט אַליין. געבליבען איז נאָר דער קאַנצלער, וואָס האָט איהם איבערגעגעבען אַ בוך אין וועלכען עס זענען געווען פערשריבען אַלע געזעצען, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען.

— איך וויל איצט בלייבען אַליין און אַלסדינג דורכזעהען און איבערקלערען — האָט איצט דער קעניג געזאָגט צום קאַנצלער — מאָרגען וועלען מיר ווייטער אַרבייטען.

דער קאַנצלער פערנייגט זיך און געהט אַרויס. דער קעניג בלייבט אַליין.

אין דרויסען האָט דער קאַנצלער געטראָפען די בישאָפען און די שלאַכציצען איבערשמועסען די גאַנצע זאַך.

— איהר מעגט זאָגען, וואָס איהר ווילט — האָט דער קאַנצלער געזאָגט — ווען דער נייער קעניג זאָל נישט זיין קיין יוד, וואָלטען מיר זיך קיין בעסערן נישט געקענט ווינטשען... איהר זעהט ווי ער נעמט זיך צו דער אַרבייט... אונטער דער הערשאַפט פון אַזאַ קעניג וועט פּוילען זיכער אויפבליהען. אַשאָד נאָר, וואָס ער איז אַ יוד און וועט זיך מוזען אָבזאָגען פון דער קרוין...

— אפשר וואָלט מען מיט איהם געשמועסט, ער זאָל זיך טויפען? — בעמערקט דער ערצבישאָף — איך זאָג אייך, אויך מיר הייבט ער אָן צו געפעלען. איך וואָלט גאָר נישט געגלייבט, אַז אַ יוד, אַ זוהן פון דיעזען נידעריגען און פעראַכטעטען פאָלק, זאָל קענען אויפטרעטען מיט אַזאַ קעניגליכען כבוד...

— יאָ, יאָ! — זענען אַלע מסכים — מען וועט מיט דעם קעניג רעדען... אפשר וועט ער מסכים זיין... מאָרגען וועלען מיר

מיר גלייך זעהען... ער וועט דאך מוזען אניערקעניען פאר דעם צלם...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דערזעלבער צייט, ווען דער ערצבישאף און די שלאכציצען האבען בעשלאסען צו פערלאנגען פון דעם נייען קעניג, ער זאל ווערען אקריסט, איז רבי שאול וואהל געזעסען איינגעשלאסען אין זיין קעניגליכען ארבייטסצימער און האט מיט גרויסע אויפמערקזאמקייט דורכגעלעזען אלע געזעצען, וואס די פראוויזארישע רעגיערונג האט ארויסגעגעבען זייט דעם אב־לעבען פון לעצטען קעניג.

ער האט זיי אלע בעשטעטיגט.

נאר דאס געזעץ, אז די יודען מוזען ביז א יאהר פער־ליערען זייער פארמעגען, האט ער מבטל געמאכט און צו־געשריבען, אז אזא געזעץ איז געגען דעם גייסט פון דעם פוילישען פאלק און פון דער פוילישער טראדיציע, וואס האט די יודען תמיד גוט בעהאנדעלט.

ווען רבי שאול האט פערענדיגט זיין ארבייט, האט ער אראבגעלעגט די קרוין פון זיין קאפ, צוריק אנגעטהון זיין קאלפאק און אנגעהויבען קלערען, וואס ער האט יעצט צו טהון.

זיין אויפגאבע אלס קעניג האט ער פערענדיגט. ער האט קיין שום טעם, צו וועלען ווייטער שפילען די ראלע, וואס מען האט איהם אויף א געלעכטער צוגעטיילט.

אבער ווען ער וועט פערציכטען אויף דער קרוין, וועט איהם זיין נישט אנגענעהם, צו בלייבען אין לאנד אלס פראסטער בירגער

בירגער, דארט, וואו ער איז געווען געקרוינטער קעניג.

בלייבט קיין אנדערע ברירה, נאר צו פערלאזען דאס לאנד און צוריק צו קעהרען קיין איטאליען, אין דעם לאנד. וואו ער האט פערברענגט זיין יוגענד.

און ער האט אויפגעשריבען, אז ער פערציכטעט אויף דער קרוין פון פוילען און ווינשט דעם לאנד, וואס האט איהם צו־געטיילט אזא כבוד, פיל גליק און ברכה. ער אליין פארט צוריק אין דעם לאנד, וואו זיין וויעגעל איז געשטאנען און וואו זיינע אבות האבען געפונען א מנוחה נכונה.

דערנאך האט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז א קעניג־ליכע קארעטע מיט עטליכע פערד זאל איהם ברענגען צו זיך אין זיין פריוואט וואהנונג און דערנאך אפפיהרען צו דער גרעניץ פון פוילען.

אין דער היים האט זיך רבי שאול אבגעזעגענט מיט זיינע קינדער און זיי אנגעזאגט, אז וויאס עס וועט מיט זיי געשעהן, גוטס אדער חלילה שלעכטס, זאלען זיי שטענדיג בלייבען טריינע יודען, זיי און זייערע קינדער און אייניקלעך ביז צום סוף פון די דורות.

דערנאך איז ער אוועקגעפאהרען.

דעם אנדערען טאג האבען זיך אין דער גרויסער קירכע פערזאמעלט די שלאכציצען, די הויף־בעאמטע און די בישעפען און האבען געווארט אויף דעם קעניג.

אבער ער איז נישט געקומען און אנשטאט איהם איז ערשינען דער קאנצלער און געברענגט דאס פאפיר וואס דער קעניג האט אנגעשריבען, אז ער רעזיגנירט אויף דער קרוין.

און

און עס האָבען זיך אַלע געפרעהט. די בישאָפען, וואָס דער יוד וועט נישט זיין דער קעניג פון פוילען. די שלאַכציצען, וואָס איצט וועלען זיי זיך קענען ווידער אַ גאַנץ יאָהר שפּיעלען מיט וועהלען אַ נייעם קעניג. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, וואָס זי בלייבט ווייטער ביי דער מאַכט...

געפרעהט האָבען זיך אויך די יודען פון פוילען דאַריבער, וואָס די גזירה איז בטל געוואָרען...